# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת דברים תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 444

בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אין א 'עת רצון' דארף מען דאווענען אויף די צוקונפט

**"ה' אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם" (א יא)**

רש"י טייטש (ע"פ ספרי א יא) אז דערנאך וואס משה האט געבענטש די אידן: "יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים", האבן זיי אים געזאגט: וויאזוי "אתה נותן קצבה לברכותינו", הקב"ה האט דאך צוגעזאגט פאר אברהם (בראשית יג טז) "וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ"? האט זיי משה געענטפערט: "זו משלי היא, והוא [הקב"ה] 'וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם'".

די טענה פון די אידן און די ענטפער פון משה, ערקלערט **רבי נתנאל פריד** בעל 'פני מבין' געבויעט אויף א משל:

ביי זיין געבורסטאג האט דער קעניג געמאלדן אז ער איז גרייט אויספירן יעדע געבעט וואס וועט פאר אים געברענגט ווערן. הערנדיג די ווערטער פון קעניג האבן זיך אסאך פון די איינוואוינער פון קעניגרייך געאיילט און געקומען איינער נאכן צווייטן און האבן פארגעלייגט זייערע בקשות. דער קעניג האט זיי נישט אנטוישט, יעדע פארלאנג איז ערפילט געווארן.

דערנענטערנדיג צום ענדע טאג איז דער נאנטסטער פריינד פון קעניג אריין צו אים אין צימער. דער קעניג האט זיך געפריידט אים צו טרעפן און האט באלד געוואלט הערן זיין בקשה. דער פריינד האט געוואלט אויסנוצן די טייערקייט פון צייט, איז זיין בקשה געווען, אז פון יעצט און ווייטער יעדע בקשה און וואונטש וואס ער וועט בעטן פונעם מלך, אין יעדן טאג און אין יעדע צייט, זאל אנגענומען ווערן.

דער משל ברענגט דער חיד"א צו ערקלערן דער פסוק (תהילים סט יד) "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ"; ווען איינער דאוונט בציבור וואס דעמאלט איז א "עת רצון" די תפילה זאל אנגענומען ווערן (ברכות ח א), זאל ער בעטן "בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ" - אין יעדע צייט, אויך ווען ער וועט געצווינגען זיין צו דאווענען ביחידות.

לעניננו, בעפאר זיין פטירה, ווען משה האט געזען אז יעצט איז א 'עת רצון', האט ער געבענטש די אידן יעדן איינעם מיט די זאכן וואס ער האט זיך גענויטיגט אין זיי. אבער די אידן וואס האבן געוואוסט די טייערקייט פון די צייט, האבן פאר אים גע'טענה'עט: וויאזוי "אתה נותן קצבה לברכותינו" - אונזערע באדערפענישן זענען דאך אסאך, און עס וועט דאך צוקומען נאך און נאך נייע באדערפענישן? דעריבער האט זיי משה צוגעלייגט אז די ברכה פון ה' וואס ענהאלט אין זיך אלעס וועט ענק שטענדיג באגלייטן.

'חומת אנך' תהילים סט יד; 'פני מבין'

### נישט 'קולכם' און נישט 'האזין'

**"וַתָּשֻׁבוּ וַתִּבְכּוּ לִפְנֵי ה' וְלֹא שָׁמַע ה' בְּקֹלְכֶם וְלֹא הֶאֱזִין אֲלֵיכֶם" (א מה)**

די געדאפלטע ווערטער "וְלֹא שָׁמַע ה' בְּקֹלְכֶם וְלֹא הֶאֱזִין אֲלֵיכֶם", ערקלערט **הנצי"ב פון וואלאזשין:**

עס איז פארהאן צוויי סארטן תפילות וואס ווערן אנגענומען פאר ה'; א. א גרייטע תפילה וואס ווערט געזאגט מיט א שיינעם און קלארן לשון, ב. א געשריי וואס דאס איז די 'קול' וואס דער מענטש שרייט ארויס פון טיפענישן פון זיין הארץ, אן צולייגן קאפ אויסשטעלן זיינע ווערטער ווי עס דארף צו זיין. דאס האט משה געזאגט פאר די אידן: טראץ ענק האבן געדאוונט די צוויי ערליי תפילות, פון דעסוועגן, ווייל ענק האבן ווידער געשפעניגט אין ה': "וְלֹא שָׁמַע ה' בְּקֹלְכֶם" - ווען ענק האבן געשריגן פון טיפן הארץ, "וְלֹא הֶאֱזִין אֲלֵיכֶם" - צו ענקער תפילה וואס איז געווען מיט א שיינעם און קלארן לשון.

'העמק דבר'

### תפילה עושה מחצה

**"וַתֵּשְׁבוּ בְקָדֵשׁ יָמִים רַבִּים כַּיָּמִים אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם" (א מו)**

רש"י טייטש אז די אידן זענען געזיצן אין 'קדש', ניינצן יאר, "כַּיָּמִים אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם" - פונקט די צאל פון די יארן וואס מען האט זיך געוואלגערט ביי די אנדערע מסעות אין מדבר. פארוואס טאקע איז די אכט און דרייסיג יאר וואס איז נגזר געווארן אויף די אידן צו וואנדערן אין מדבר צוליב די זינד פון די מרגלים - צוטיילט געווארן און האלב איז געווען אין קדש במנוחה, און האלב איז געווען נע ונד פון איין פלאץ צום צווייטן?

ערקלערט **רבי פינחס הלוי הורוויץ** בעל ה'הפלאה':

עס זעט אויס אז ווען עס איז נגזר געווארן אויף די אידן זיך אויפהאלטן אין מדבר און נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, האבן משה און די אידן געדאוונט אז צום ווייניגסטנ'ס זאלן זיי זיך נישט דארפן מאטערן און מוטשען אויף די וועג. און ווייל אז 'תפילה עושה מחצה' (ויק"ר ז א), האבן זיך די יארן צוטיילט אויף צוויי - ניינצן יאר פון וואנדערן, און ניינצן יאר מנוחה.

'פנים יפות'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'אמן' אויף די ברכות פון גאולה

דאס יאר וועלן מיר נישט פאסטן אין תשעה באב. דאס יאר, ווי באקאנט געפאלט אויס תשעה באב אין שבת, און לויט די הלכה דארף מען אפשטיפן דאס פאסטן אויף זונטאג. מיר אלע ווארטן, דאווענען און האפן מיר זאלן אינגאנצן נישט דארפן פאסטן; די סאך תפילות וואס דאס אידישע פאלק בעט אין די כמעט צוויי טויזנט גלות-יארן, זאל אנגענומען ווערן אין הימל און משיח צדקנו זאל שוין קומען אונז אויסלייזן.

עס קען זיין אז עס זענען דא וואס ווייסן נישט אז אויך די האפענונג אויף די גאולה איז פארבינדן מיט די מצוה פון ענטפערן אמן. סיי ווייל אין אסאך ברכות וואס די חכמים האבן מתקן געווען ליגט באהאלטן א בקשה אויף די גאולה, און דורך ענטפערן 'אמן' אויף זיי, ברענגען מיר ארויס אונזער אמונה און האפענונג אויף די גאולה, און אויך באזונדער ווייל די עצם גאולה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן.

אין דעם אור-אלטן ספר 'ספר הגן ודרך משה' (ליום יא) ווערט דערציילט אז א חסיד האט געוואלט וויסן וויאזוי קען זיין אז די צענדליגער טויזנטער תפילות און בקשות וואס כלל ישראל האבן געדאוונט און דאווענען ווייטער אין לויף פון אלע דורות אויף די גאולה העתידה - זענען נאכנישט אנגענומען געווארן, און די גלות ווערט לענגער. און נאכן פאסטן אויף דעם, האט מען אים אנטפלעקט פון הימל אין חלום: "וויאזוי זאל קומען די גאולה אין די צייט וואס מענטשן געבן נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס מען בעט אין זיי אויף די גאולה - די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון' [ווייל מען איילט זיך זאגן 'מודים דרבנן'] און די ברכה 'הפורש סוכת שלום' [ווייל זיי איילן זיך צו זאגן 'ושמרו']?!".

פון הימל האט מען פאר אונז מגלה געווען אז אויסער די בקשה אויף די גאולה און עס דערמאנען אין די ברכות און תפילות, פעלט זיך אויס פון אונז א עקסטערע מי - ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין אויף די ברכות, און נאר אויב מיר וועלן האבן שכל אכטונג געבן אויף דעם, וועלן מיר זוכה זיין אויסגעלייגט ווערן.

און מען קען אפילו זאגן אז דער ענין איז מרומז אין די מאמר חז"ל (שבת לא א): "בשעה שמכניסים אדם לדין, אומרים לו: נשאת ונתת באמונה?... צפית לישועה?". 'נשאת ונתת באמונה' האט א שטארקע פארבינדונג מיט 'ציפית לישועה'; דער וואס האנדלט מיט 'אמן', ד.מ. ער איז מקפיד אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, ער וועט קענען ענטפערן אויף די פראגע: "ציפית לישועה?".

און אין אמת'ן, אזוי ווי ביי אלע ברכות און תפילות וואס מיר דאווענען אויף די גאולה, פעלט אויס דאס 'לעצטע קלאפ' - ד.מ. ענטפערן אמן נאך זיי, אזוי איז אויך ביי יעדע ברכה און תפילה: כדי עס זאל אנגענומען ווערן, דארף מען עס משלים זיין דורך ענטפערן אמן.

**מיט א רוף "ציפית לישועה... באמונה"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א מנחה וואס האט געראטעוועט פון טויט

די צייט, די טעג פון דער איראן-איראק מלחמה. יענע בלוטיגע מלחמה, פון די שווערסטע שלאכטן וואס די וועלט האט געוואוסט אין די לעצטע צענדליגער יארן, וועלכע האט אפגעקאסט דאס לעבן פון איבער א מיליאן גע'הרג'עטע פון די צוויי זייטן, האט זיך אנגעהויבן א קורצע צייט דערנאך וואס די פריערדיגע איראנער הערשאפט איז צוזאמגעפאלן און עס האט זיך געגרינדערט די נייע עקסטרעמער מוסלעמענער הערשאפטאט, און האט זיך געצויגן ארום אכט שווערע יארן, וואס האט זיך געענדיגט מיט די צוריקציען פון די צוויי לענדער פון די טעריטאריעס וואס זיי האבן איינגענומען אין לויף פון דער מלחמה, און די גרעניץ ליניע איז צוריק ווי אמאל, אזויווי עס איז געווען פארן אויסברוך פון דער מלחמה.

אינמיטן די שווערע טעג פון דער ביטערער מלחמה, נאך לאנגע חדשים אין וועלכע די איראנער האבן פארלוירן טויזנטער קעמפער יעדן טאג, איז די מיליטער שטארק פארקלענערט געווארן, און די אויטאריטעטן זענען געצווינגען געווען צו באפעלן אויף א מאסיווע געצווינגענע איינרוקונג פון הונדערטער טויזנטער זעלנער פון גאנץ לאנד. דניאל בארדי, א יונגערמאן אין די דרייסיגער יארן, איינער פון די מערסטע איינגעווארצלטע אידישע פאמיליעס אין דער איראנער שטאט שיראז, איז אויך דעמאלט


די שטאָט שיראַז אין יראַן

געווען געצוואונגען זיך מאביליזירן אין דער מלחמה.

מיט גרויס ווייטאג איז ער געצוואונגען געווען צו פארלאזן די פאמיליע-געשעפט וואס זיין טאטע האט געפירט און ארויסגיין אויף דעם ווייטן און בלוטיגן שלאכטפעלד. אין די קומענדיגע חדשים האט ער געזאלט אדורכגיין אומדערטרעגליכע שווערע איבערלעבונגען, און קעמפן אין שווערע באדינגונגען. פארן ארויסגיין פון שטוב האט ער ארויפגעלייגט זיין האנט אויף דער מזוזה און געבעטן א הארציגע תפילה, 'ושמור צאתנו ובואנו לחיים ולשלום מעתה ועד עולם'.

אין דער געביט פון אפהיטן תורה און מצוות האט דניאל געקענט זיין רואיג. די איראנער, טראץ איר עקסטרעמע אויפפירונג, האבן זיי רעספעקטירט די וואס היטן דער אידישער רעליגיע, און צוליב דעם איז דניאל באזונדער ערלויבט געווארן צו באקומען פעקלעך כשר'ע עסן פון שטוב. זיינע באליבטע עלטערן האבן געזארגט צו שיקן פאר אים יעדן וואך א האפן פון נערהאפטיגע עסן, און אזוי, אנדערשט פון אנדערע מוסלמענישע זעלנער וואס האבן אפט געליטן פון ווייניג שפייז, האט דניאל הנאה געקענט געניסן פון די עסן פון זיין הויז.

זיין אפהיטונג די מצוות מיט א שטאלץ, אויך אין די שווערע מלחמה צייטן, האט צוגעברענגט אז אסאך פון די איראנער סאלדאטן ארום אים, האבן אים געשעצט און צוגעטיילט כבוד, אזוי האט דניאל געהאט א מכובד'יגע פאזיציע ביי די זעלנער און קאמאנדירן, וואס האט אים אפטמאל באפרייט פון פארשידענע ארבעט וואס זענען געווען פארבינדן מיט חילול שבת א.ד.ג..

אין דער טאג וואס אונזער געשיכטע איז פארגעקומען, אין א שפעט נאכמיטאג שטונדע, האט דניאל פארענדיגט זיין היינטיגע אויפגאבע, זיין שיפט אלס וועכטער ביי די ארייגאנג צו די מיליטערישן לאגער וואו ער האט געדינט האט זיך געענדיגט. נאך זיבן שעה'ן נאכאנאנד היטן איז ער געווען זייער מיד, און אומגעדולדיגט געווארט אויף א זעלנער וואס זאל אים אויפטוישן. דער זעלנער איז אנגעקומען און דניאל האט אנגעהויבן גיין צו די ריכטונג פון זיין שלאף-געצעלט, אבער פונקט דעמאלט איז צו אים צוגעקומען איינער פון די אפיצירן און האט פארלאנגט ער זאל ארויפגיין צום דערנעבנדיגן קוואל און שעפן פון דארט עטליכע עמער'ס וואסער כדי אנפילן די וואסער-טאנק אין די לאגער.

דער לאגער, וועלכער איז געווען אין א בערג'יגע און אפגעזונדערטע געגנט, אין הארץ פון די איראנער קורדיסטאן, האט נישט געהאט קיין וואסער. עס איז געווען א נארמאלע ערשיינונג אז די זעלנער האבן פון צייט צו צייט געדארפט ארויפגיין צו איינע פון די פיל קוועלער וואס זענען אין דער געגנט, און שעפן עטליכע עמער'ס וואסער אנפילן די וואסער-טאנקן פון לאגער.

טראץ זיין גרויסע מידקייט, האט דניאל זיך נישט געוואגט צו טענה'ען, יעדער זעלנער אין דער ארמיי ווייסט אז א באפעל איז א באפעל! יעדע טענה'רייי, קליין ווי עס זאל נאר נישט זיין, קען צוברענגען צו א שטראף. דניאל האט אנגעהויבן ארויפגיין צום קוואל, אבער דאן האט ער זיך אפגעשטעלט. 'איך האב נאכנישט געדאוונט מנחה!' האט ער זיך דערמאנט. עס איז איבערגעבליבן בלויז געציילטע מינוטן ביז צו די שקיעה, און דניאל האט זיך געקווענקלט וואס צו טון. אלס א איד א מדקדק במצוות האט ער מקפיד געווען אפילו אין די שווערסטע צייטן נישט צו פארפעלן קיין דאווענען, צי דאסמאל וועט ער געצווינגען זיין מוותר זיין אויף דעם?!

איינער פון זיינע נאנטע פריינד, אן איראנער זעלנער, האט באמערקט זיין ענגשאפט און זיך אינטערעסירט: "וואס איז געשען?". דניאל האט אים ערקלערט אז לויט די באפעל פון זיין רעליגיע דארף ער יעצט דאווענען, אבער ער קען עס נישט טון צוליב די באפעל וואס איז אויף אים ארויפגעשטעלט געווארן. מיט א גוט הארציגקייט, האט דער סאלדאט זיך גלייך אנגעטראגן און פארגעשלאגן פאר דניאל'ן: "גיי דאווענען, איך וועל גיין שעפן דאס וואסער אנשטאט דיר, און א אנדער'ס מאל וועסטו שעפן אויף מיין ארט".

'ברוך ה'!'. איז ארויסגעקומען א געשריי פון דניאל'ס מויל, און האט זיך געאיילט צו זיין געצעלט דאווענען מנחה.

אביסל פאר ער האט געענדיגט דאווענען, האט זיך מיטאמאל געהערט די ליארעם ארויף און אראפ, אין די סקונדע האט אנגעהויבן פליען אויף דער גאנצער געגנט פון די לאגער א רעגן פון באמבעס. ווייזט זיך אויס, אז אין די מאמענט האבן די עיראקער אנגעהויבן שיסן אויף די איראנישן לאגער.

פון יעדן ווינקל האט מען געהערט געשרייען פון שרעק און קוויטשען פון די פארוואונדעטע. די פאניק איז געווען שרעקליך. פאר די איראנער ארטילעריע האט געדויערט לאנגע מינוטן ביז זי האט זיך אויפגעוועקט צו רעאגירן מיט א באמבאדירונג אויף צוריק. דערווייל האט דניאל זיך אראפגעלייגט אויף די ערד אין די געצעלט און באשיצט זיין קאפ מיט די הענט, ווען ער בעט מיטן גאנצן הארץ, ער זאל פון דא ארויסגיין בשלום. פון אלע ריכטונגען האט מען געהערט די אויפרייס פון די איראקער באמבאדירונג, און פון די איראנער וועלכע האבן צוריקגעשאסן פייער, און ערשט נאך עטליכע צענדליגער לאנגע און אנגעצויגענע מינוטן איז די שטילקייט צוריק אין לאגער.

ווען דער שטורעם האט זיך אפגעשטעלט, האבן די איראנער אנגעהויבן צו ציילן זייערע טויטע און באנדאזשירן זייערע פארוואונדעטע. ערשט דערנאך וואס די נעפל איז זיך צוגאנגען, האט זיך דניאל דערוואוסט פון דעם גרויסן נס וואס איז מיט אים געשען; דער סאלדאט וועלכער האט באוויליגט צו גיין צו דער קוואל אנשטאט אים, האט מען געפונען ליגן נעבן די קוואל, ווען זיין קערפער איז צושמעטערט פון א דירעקטער באמבע.

דניאל וואס איז געראטעוועט געווארן דורך א אפענער נס, א דאנק זיין שטרענגע הקפדה אויף דאווענען אין צייט, האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געדאנקט פון טיפן הארצן השי"ת וואס האט אים געהיטן און געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

א צייט שפעטער, נאך א יאר פון דינען אין די שלאכטן, האט דניאל באשלאסן אז ער האט געדינט גענוג אין די שלאכט. ער האט געבעטן די קאמאנדירן זאלן אים ערלויבן א קורצע וואקאציע. די קאמאנדירן האבן באשטעטיגט, ער איז געגאנגען צו זיין צימער , און גענומען זיינע זאכן מיט א כוונה נישט זיך אומקערן.

דניאל איז אהיים געפארן, איינגעפאקט א קליין פעקל שפייז און קליידער, און דערציילט זיינע עלטערן איבער זיין פלאן צו עמיגרירן קיין ארץ ישראל. צו זיין פרייד האבן זיינע עלטערן אים געמוטיגט און געשטיצט, און אים אויך געגעבן א שיינע סומע געלט, ער זאל האבן זייענדיג אויף דעם שווערן וועג.

מיט די געלט וואס ער האט באקומען פון זיינע עלטערן, האט דניאל אפגעשמועסט מיט א 'שמוגלער' זאל אים אין א געהיימעניס אריבערפירן די איראנער-פאקיסטאנער גרעניץ, וואו דארט האט שוין אויף אים געווארט א מאשין וואס האט אים ארייגעשווערצט אין די טיפענישן פון פאקיסטאן, פון דארט איז ער געפארן דורך טערקיי צו די הייליגע לאנד, וואו ער האט אנגעהויבן לערנען תורה אין ישיבת 'אור שמח', און שפעטער האט ער אויפגעבויעט א בית נאמן בישראל.

'געהערט פון דער בעל המעשה'

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה אויף 'ברכת כהנים'

### ברכת כהנים ביי די הויכע שמו"ע

די תורה האט באפוילן די כהנים זאלן עולה זיין לדוכן און בענטשן די אידן יעדן טאג מיט די ברכה וואס שטייט אין די תורה (במדבר ו כג-כו): "יברכך ה' וישמרך; יאר ה' פניו אליך ויחנך; ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום".

די חכמים האבן מתקן געווען אז די כהנים זאלן מקיים זיין די מצוה אינמיטן חזרת הש"ץ, נאך די ברכות 'רצה' און 'מודים', און האבן מסמיך געווען זייער תקנה אויף דער לשון הפסוק (ויקרא ט כג): "וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם וירד מעשות החטאת והעולה והשלמים", פון דעם זעט מען אז אהרן הכהן איז נישט אוועק פון די עבודה ביז נאכן בענטשן די אידן. דעריבער וואלט ברכת כהנים געדארפט זיין נאך די ברכה 'רצה', און אין אמת'ן האט מען עס מתקן געווען נאר נאך 'מודים', ווייל "עבודה והודאה חדא מילתא היא", ד.מ.: "אז לויבן איז אויך א טייל פון די עבודה און מען זאל נישט טון א הפסק צווישן זיי" (מגילה יח א; רש"י שם ד"ה חדא). האדמו"ר רבי זאב וואלף פון סטריקוב האט צוגעלייגט און ערקלערט אז הודאה - איז א רעזולטאט פון די עבודה, ווייל נאכן מקריב זיין א קרבן איז ער ביי זיך צובראכן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים נא יט): "זבחי אלקים רוח נשברה", און דורך דעם בוקט ער זיך און דאנקט דעם באשעפער מיט הכנעה ('זר זהב' פר' צו).

### די מקור פון די ברכה

אין גמרא (מגילה כז ב) ווערט געברענגט אז רבי אלעזר בן שמוע האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז איינע פון די סיבות וואס צוליב דעם האט ער זוכה געווען צו אריכות ימים איז געווען: "אלע מיינע יארן... האב איך נישט גע'דוכנ'ט אן קיין ברכה". די מפרשים וואונדערן זיך: וויאזוי קען זיין אז רבי אלעזר האט אנגעהאנגען די סיבה פון זיין אריכות ימים אין זיין אכטונג געבן אויף אזאך וואס ער איז מחויב געווען אזוי ווי אלע 'ברכת המצוות'?

דער 'טורי אבן' (שם) ערקלערט אז אז ביז צו די צייטן פון רבי אלעזר בן שמוע האט מען נישט געזאגט א 'ברכת המצוה' אויף 'ברכת כהנים', און וויבאלד ער האט מתקן געווען צו זאגן אוף דעם א ברכה, האט ער אנגעהאנגען זיין אריכות ימים אין די זכות.

פארוואס טאקע האט מען נישט מתקן געווען א ברכה אויף די מצוה פון ברכת כהנים ביז צו די צייטן פון רבי אלעזר?

מיר טרעפן אז דער 'הנצי"ב' ('העמק שאלה' בהעלותך שאילתא קכה אות יא) זאגט אז די חכמים אין די פריערדיגע דורות האבן געהאלטן, אזוי ווי די ברכה 'אהבת עולם' ווערט גערעכנט פאר 'ברכת המצוות' אויף די מצוה פון 'קריאת שמע' פון נאכדעם (ראה רמב"ן ברכות יא ב), אזוי אויך די ברכה 'הטוב שמך ולך נאה להודות' וואס דער שליח ציבור זאגט, איז ווי א 'ברכת המצוה' אויף 'ברכת כהנים' וואס ווערט געזאגט נאכדעם, און וועגן דעם האט מען נישט געהאט מתקן געווען א באזונדערע ברכה אויף דעם. אבער רבי אלעזר בן שמוע האט געהאלטן אז וויבאלד דער ש"ץ איז נישט מוציא מיט זיין דאווענען דער וואס איז 'בקי' (שו"ע או"ח קכד א), קענען נישט די כהנים יוצא זיין דער חיוב פון זאגן א ברכת המצוה מיט דעם ש"ץ'ס ברכה, דעריבער האט ער מתקן געווען א באזונדערע ברכה.

נאך זענען דא וואס ערקלערן דער ענין לויט די שיטה פון די פוסקים (ראה 'בית דוד' או"ח סי' פג) אז מען זאגט נישט קיין ברכה אויף אזעלעכע מצוות וואס זענען א 'ברכה', דעריבער האט מען נישט מתקן געווען א ברכה אויף 'ברכת המזון'. אזוי אויך דא, וועגן דעם האבן די חכמים נישט מתקן געווען א ברכה אויף ברכת כהנים וואס איז א ברכה. דאקעגן רבי אלעזר האט געהאלטן אז נאר אויף א ברכה וואס איז געצילט צו ה' [אזויווי ברכת המזון] קומט נישט פון פריער א ברכה, אבער ברכת כהנים, כאטש וואס דאס איז א ברכה, איז עס אבער געצילט צו די אידן, דעריבער דארף מען זאגן אויף דעם א ברכה אזוי ווי די איבריגע מצוות ('תיקון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות' סדר ברכת כהנים בתפילת שלוש רגלים).

### די נוסח פון די ברכה

פארן מקיים זיין די מצוה זאגן די כהנים די 'ברכת המצוה', אזוי ווי די תקנה פון די חכמים אויף אלע מצוות.

אבער, אנדערשט פון די אנדערע ברכות המצוות האבן די חכמים קובע געווען א באזונדערן נוסח אויף די ברכה, א נוסח וואס די חכמים האבן געהייסן זאגן אויף אלע מצוות וואס די כהנים זענען באפוילן געווארן: "אשר קדשנו **בקדושתו של אהרן** וצונו לברך את עמו ישראל באהבה" (סוטה לט א).

די סיבה פארוואס די כהנים זאגן די ברכה מיט א אנדערער נוסח, ווייל די געווענליכע נוסח: "אשר **קדשנו** במצותיו וצונו", האט אין זיך א באדייט צו מקיים זיין די מצוות וואס יעדער איד איז באפוילן געווארן. דעריבער פארן מקיים זיין א מצוה וואס איז פארבינדן מיט די כהנים, האבן די חכמים מתקן געווען אז זיי זאלן ארויסזאגן ביי די ברכה אז זיי לויבן אויף דעם וואס זיי האבן זוכה געווען צו א מצוה וואס נאר זיי וואס זענען געהייליגט געווארן בקדושתו של אהרן זענען אויף דעם באפוילן געווארן ('נחל איתן' טו, ה).

### א ברכה אויף אויפהייבן די הענט

די חכמים (סוטה לח א) דרש'ענען פון דער פסוק אז דער כהן דארף אויפהייבן זיינע הענט ['נשיאת כפים'] ביים זאגן די 'ברכת כהנים'. אין 'שולחן ערוך הרב' (או"ח קכח יז) ווערט גע'פסק'נט אז די כהנים מעגן נישט אויפהייבן זייערע הענט פארן זאגן די 'ברכת המצוה', נאר נאכדעם - בשעת'ן זאגן די פסוקים פון ברכת כהנים ["יברכך" וכו']. ווייל די 'נשיאת כפים' איז א טייל פון די עיקר מצוה, און די ברכת המצוה דארף געזאגט ווערן פארן טון די מצוה ['עובר לעשייתה'].

אבער דער 'כף החיים' (שם עו) ברענגט אין נאמען פון 'פענח רזא' (במדבר ו כז) אז דער עיקר מצוה איז נאר זאגן די פסוקים, און 'נשיאות כפים' איז נישט דער עיקר מצוה, דעריבער שרייבט ער מען יא אויפהויבן די הענט פאר די ברכת המצוה, כדי עס זאל נישט זיין א 'הפסק' צווישן די ברכה און די מצוה. דער 'פענח רזא' ברענגט אויך א סמך צו זיין שיטה פון דער לשון הפסוק (תהלים קלד ב): "שְׂאוּ יְדֵכֶם קֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת ה'" - 'שאו ידיכם' בעפאר 'ברכו את ה'".

רבי אריה לייב פון אמסטערדאם האלט אויך אז 'נשיאות כפים' איז א טייל פון די מצוה, און וועגן דעם מעג נישט דער כהן אויפהייבן זיינע הענט נאר נאך די ברכה. און זאגט אז די ווערטער פון רבי אלעזר בן שמוע (שם לט א): "מימי... לא נשאתי כפי בלא ברכה" זענען אויף דעם מרמז, ער האט מקפיד געווען נישט אויפהייבן זיינע הענט פארן זאגן די ברכת המצוה, ווייל ער האט מחדש געווען אז אויפהויבן די הענט איז א טייל פון די מצוה ('בנין אריאל' ח"ב מסכת סוטה).

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז הקב"ה האט באפוילן די כהנים זאלן בענטשן דאס אידישע פאלק מיט ליבשאפט

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"ה' אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם" (א יא)

רש"י זאגט (ע"פ ספרי א יא) אז דערנאך וואס משה האט געבענטש די אידן: "יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים", האבן אים די אידן געזאגט: "משה אתה נותן קצבה לברכותינו", הקב"ה האט דאך צוגעזאגט פאר אברהם (בראשית יג טז) "וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ"? האט זיי משה געזאגט: "זו משלי היא, והוא [הקב"ה] 'וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם'".

אויב האבן שוין די אידן די ברכה פון הקב"ה פאר אברהם, פארוואס פעלט אויס פאר משה רבינו צולייגן פון זיך א ברכה?

ערקלערט **רבי יעקב בעל הטורים:**

משה רבינו האט אויסגעלערנט די אידן זאלן זאגן יעדן טאג 'מאה ברכות'. און ווייל די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים (חולין פז א), קומט אויס אז ווען די אידן וועלן זאגן 'מאה ברכות' וועלן זיי פארדינען טויזנט זהובים יעדן טאג, און דאס האט ער געזאגט פאר די אידן: אין שכר פון די מצוה פון זאגן 'מאה ברכות' וואס איך האב ענק אויסגעלערנט, וועלן ענק פארדינען "כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים", אויסער דעם וועט הקב"ה צולייגן נאך פון זיין אוצר.

## משה האט מתקן געווען צו זאגן 'מאה ברכות'

א ראי' צו דעם אז משה האט אויסגעלערנט די אידן צו זאגן 'מאה ברכות' קען מען לערנען פון דער פסוק (דברים לג א): "וְזֹאת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרַךְ מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹקִים"; "מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹקִים" - איז ר"ת 'מאה'.

'בעל הטורים' דברים לג א; 'מנחת יהודה'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## מאוצרות אמונים

### ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג

### לעתיד לבוא וועט מען פרעגן

דער מוכיח רבי משה כהנא פון גיביטש שרייבט אז לעתיד לבוא וועט יעדער געפרעגט ווערן צי ער האט מקפיד געווען ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים, און אזוי אויך אויב ער געשטאנען אין די אנדערן ציפערן וואס די חכמים האבן קובע געווען אויף די אנדערע דברים שבקדושה, און דאס זענען זיינע ווערטער: "די חכמי האמת שרייבן, אז לעתיד לבוא וועט יעדער געפרעגט ווערן צי ער איז געווען א 'צדיק', ד.מ. ער האט מקיים געווען יעדן טאג די צאל פון אלע דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די אותיות צדי"ק: צ' אמנים ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות..." ('דרך משה' ליום יא).

### א 'צדיק' געביידע

רבי שמשון דוד פינקוס פלעגט צו זאגן אז נאכגיין די צאל פון די דברים שבקדושה האט א באזונדערע באדייט ביים פארזיגלען די דרגה פון דער מענטש. ווייל די קדמונים האבן דאך באשטימט אז דער מענטש ווערט נישט אנגערופן 'צדיק', ביז ער פארענדיגט צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות. קומט אויס, אויב עס פעלט פאר א מענטש איינס פון די ציפערן וואס די חכמים האבן קובע געווען אויף די דברים שבקדושה, איז ער שוין נישט קיין צדיק!

ס'איז נישט קיין זאך פון נאך א אמן אדער וויניגער א אמן, מיר האבן דא א געביידע 'צדיק' - און אויב עס פעלט איין אמן, פעלט דער גאנצער 'צדיק' געביידע! אזוי ווי א מענטש וואס פעלט אים איין פינגער איז נישט קיין 'מענטש' - וויניגער א פינגער, נאר ער איז א 'בעל מום' וואס עס פעלט אים אין די שלימות פון 'אדם', אזוי אויך א מענטש וואס האט נישט געענדיגט די ציפערן פון 'צדיק'. פעלט אים אין די שלימות פון 'צדיק' ('נפש שמשון' על סידור התפילה עמ' קלח).

## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

א הערצליכן דאנק און אסאך ברכות אויף דעם וואונדערבארן גליון, וואס איז פאר מיר א זעלטענער 'פאקל' וואס פארשפרייט ליכטיגקייט אין אלע ענינים פון 'עבודה שבלב'.

מען קען זאגן אויף ענקער ווערק, די ווערטער וואס רבי עקיבא האט בשעתו געזאגט (אבות דר"נ פרק ו) ווען ער גע׳זען דעם אויסגעקריצטן שטיין נעבן דעם ברונעם: "אבנים שחקו מים". ווי וואסער וואס צורייבן די שטיינער, אזוי טוט אויף ענקערע ארגינעלע, קלארע און אויסגעארבעטע געדאנקען, וואס איר ברענגט יעדע וואך פאר אונז, פארשידנ'ס און קאלירפול. צוביסליך דערגרייכן זיי זייער ציל, עס גייט אריין אין די הערצער פון די מאסן, און דורך דעם פארמערט זיך כבוד שמים אויף דער וועלט.

ווי א 'טופח על מנת להטפיח' - אסאך פון די געטרייע ליינער ווערן צוביסליך פון 'מתחזקים' צו 'מחזקים'. זיי זענען נישט צופרידן מיט זייער פערזענליכן חיזוק אין דעם, נאר זוכן צו מזכה זיין אנדערע, און ווען דעם קומען זיי אין פרי אין שול צו הערן די ברכות השחר פון די מתפללים.

ויהי רצון אז חפץ ה' בידכם יצליח, און איר זאלט קענען ווייטער אסאך אויפטון, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו זען אז כל "עדת ישראל יעשו אותו" [די ר"ת איז בג' 'אמן'] - דעם 'אמן'.

מיט א וואונטש 'כה לחי'

**שלום ווייס**

**ירושלים**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

## צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די ווער פונעם בעל הילולא



מהר"ם בנעט זי"ע

### מהר"ם בנעט זי"ע

#### י"ג אב תקפ"ט

רבי מרדכי בנעט פון ניקלשבורג איז געבוירן געווארן אין שטאט שורגא, אונגארן, אין יאר ה'תקי"ג, צו זיין פאטער רבי אברהם. אין עלטער פון עלף יאר איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה וואס געפונט זיך אין עטינגען, וואס רבי יעקב קאצענעלבויגן איז געשטאנען אין שפיץ. אין עלטער פון אכצן יאר איז ער אריבער קיין פראג, וואו ער האט געלערנט ביים רב פון שטאט, דער 'נודע ביהודה'.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט צו ווערן א חתן, איז ער געווארן א איידעם ביי איינער פון די חשובע אידן אין ניקלשבורג. נאך זיין חתונה האט ער זיך מסתופף געווען אין שאטן פונעם שטאטישן רב, דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג, וועלכער איז געווען איינער פון די חסידי'שע רבי'ס, און האט אין אים געזען זיין רבו המובהק.

אין זיין יוגנט, איז ער אויפגענומען געווארן צו זיין א דיין אין זיין היימשטאט ניקלשבורג, אבער שפעטער האט ער זיך פון דארט אוועקגעצויגן צו דינען אלס רב אין עטליכע שטעט אין אייראפא. נאך די פטירה פון רבי ר' שמעלקא האט ער מסכים געווען צו פארנעמען זיין פלאץ ווידער אלס רב אין ניקלשבורג. אין שטאט ניקלשבורג האט רבי מרדכי בנעט אנגעפירט א גרויסער ישיבה מיט ארום פיר הונדערט בחורים, צווישן זיי רבי יהודה אסאד זצ"ל און נאך גדולי ישראל. זייענדיג שטארק געשעצט ביים עסטרייכישן קייסער פראנץ יוזעף דער ערשטער, האט ער אים געשטעלט אלס רב פון גאנץ מאראביא. זיין הויכן אמט האט ער אויסגענוצט צו באשיצן אויף די אידישע רעליגיע.

אויף זיין עלטער איז ער געפארן צו דער היילונג-שטאט קארלסבאד, זייענדיג דארט, י"ג אב ה'תקפ"ט איז ער נסתלק געווארן. ער איז באערדיגט געווארן אין שטאט ליכטנשטאט נעבן קארלסבאד, מיט א תנאי אז מען וועט אים שפעטער אריבערפירן צו זיין היימשטאט ניקלשבורג. ארום א האלבע יאר נאך זיין פטירה איז זיין ארון אריבערגעפירט געווארן פון ליכטנשטאט און איז באערדיגט געווארן אין זיין שטאט ניקלשבורג.

### ברכות השחר פון יעדן איינעם

רבי יעקב, דער זון פון מהר"ם בנעט, שילדערט אין די קונטרס וואס ער האט באשריבן זיין פאטער'ס לעבנ'ס געשיכטע, זיין סדר היום יעדן אינדערפרי, און אזוי איז זיין לשון: "פון אייביג אן איז ער געווען... פון די עשרה ראשונים, און האט אויסגעהערט פון יעדן איינעם פון זיינע שטוב-מענטשן די ברכות השחר כדי צו ענטפערן אמן נאך זיי, און נאכדעם האט ער אליין געזאגט די ברכות אויפן סדר מיט א איינגעגע שטימע און כוונה, בעפאר דער שליח ציבור האט זיך געשטעלט דאווענען" ('תולדות ר' מרדכי בנעט' עמ' 16).

### קדיש פון א אדם גדול

עס האט דערציילט הגאון רבי אברהם יצחק גליק פון טאלטשאווא, א אייניקל פון מהר"ם בנעט, אז די רעביצין מרת שרה פינקל ע"ה, האט געדאוונט אז איר מאן זאל מאריך ימים זיין מער פון איר, כדי זי זאל זוכה זיין אז אזא צדיק ווי ער זאל זאגן נאך איר קדיש און לערנען לעילוי נשמתה. איר געבעט איז אנגענומען געווארן, און זי איז טאקע נפטר אביסל מער פון א יאר פריער פון אים [כ"ז אייר תקפ"ח], און רבי מרדכי האט געזאגט נאך איר קדיש אין לויף פון א גאנצע יאר ('צדיק כתמר יפרח' עמ' כח).